בעזרת השם יתברך

קונטרס

# לשון קדשו

דברות קודש של כ"ק מרן אדמו"ר רבן של ישראל

מרן **יואל טייטלבוים** זללה"ה

**אבדק"ק סאטמאר יע"א**

## בימי השובבי"ם

שנאמרה בסעודה שלישית בעידן רעוא דרעוא

## ס"ג בא תשכ"ב (מקוצר)

קונטרס זו מיוחד לשמיעה עם הרעקאָרדינג

נעתקו בלשון אידיש

**בהוספת ביאורים והערות**

להבנת הענין

שנת תשע"ח לפ"ק

KolSatmar.com

יצא לאור ע״י

**מערכת ״לשון קדשו״**

מאנטריאל קאנאדא

1-514-585-3040


**קונטרס 51**

174

---

## לשמיעת הדברות קודש:

**1-718-298-4641** (בארץ ישראל) **072-3333419**

(פון אייראפע 972-72-3333419+)

צו הערן די תורה **ס״ג בא שובבי״ם תשכ״ב** (מקוצר)

דרוקט: **1→6→2→3→22→#** (דרוקט אלע נומערן אינאיינעם)

(49 מינוט) קלאָר

---

KolSatmar.com

# קושיות ודיוקים בפרשת השבוע

**[וַיֹּאמֶר ה' אֶל מֹשֶׁה בֹּא אֶל פַּרְעֹה כִּי אֲנִי הִכְבַּדְתִּי אֶת לִבּוֹ וְאֶת לֵב עֲבָדָיו לְמַעַן שִׁתִי אֹתֹתַי אֵלֶּה בְּקִרְבּוֹ. וּלְמַעַן תְּסַפֵּר בְּאָזְנֵי בִנְךָ וּבֶן בִּנְךָ אֵת אֲשֶׁר הִתְעַלַּלְתִּי בְּמִצְרַיִם וְאֶת אֹתֹתַי אֲשֶׁר שַׂמְתִּי בָם וִידַעְתֶּם כִּי אֲנִי ה'].**

**א**

**קושיא ה**

"וִידַעְתֶּם" כִּי אֲנִי ה': היה לו לומר "וְיֵדְעוּ" כי אני ה', דקאי על בנך ובן בנך, ולמה כתב "וִידַעְתֶּם" בעצמכם

**וִידַעְתֶּם כִּי אֲנִי ה'.**

ה) לכאורה אַז ער זאָגט בְּאָזְנֵי בִנְךָ וּבֶן בִּנְךָ אֵת אֲשֶׁר הִתְעַלַּלְתִּי וגו', איז דאָך עס טייטש ער זאָל זאָגן פאַר 'זיי', זיי זאָלן וויסן, העט ער געדאַרפט אויסלאָזן "וְיֵדְעוּ", צום סוף קומט ער גאָר צוריק "וִידַעְתֶּם" כִּי אֲנִי ה'.

**ב**

**קושיא ו**

בזוה"ק מביא לכאן הפסוק "אַשְׁרֵי הָעָם יוֹדְעֵי תְרוּעָה", וצ"ב השייכות?

דער **זוהר הקדוש** זאָגט[א], [בֹּא אֶל פַּרְעֹה כִּי אֲנִי הִכְבַּדְתִּי אֶת לִבּוֹ] רבי אבא פתח אַשְׁרֵי הָעָם יוֹדְעֵי תְרוּעָה ה' בְּאוֹר פָּנֶיךָ יְהַלֵּכוּן.

כ'האָב שוין געשמועסט נעכטן נאַכט.

ו) פלאָגן זיך אַלע מפרשי הזוהר (עי' במקדש מלך שם), ס'איז דאָך אַ פלא דער פסוק [אַשְׁרֵי הָעָם], ס'האָט נישט קיין שום שייכות דאָ מיט דער פרשה כִּי אֲנִי הִכְבַּדְתִּי אֶת לִבּוֹ לְמַעַן שִׁתִי אֹתֹתַי אֵלֶּה בְּקִרְבּוֹ.

**ג**

ווייטער זאָגט ער [בפסוק]:

**[וַיֹּאמֶר אֲלֵהֶם לְכוּ עִבְדוּ אֶת ה' אֱלֹקֵיכֶם] מִי וָמִי הַהֹלְכִים, וַיֹּאמֶר מֹשֶׁה בִּנְעָרֵינוּ וּבִזְקֵנֵינוּ נֵלֵךְ בְּבָנֵינוּ וּבִבְנוֹתֵנוּ בְּצֹאנֵנוּ וּבִבְקָרֵנוּ נֵלֵךְ כִּי חַג ה' לָנוּ.**

**קושיא ז**

"בְּבָנֵינוּ וּבִבְנוֹתֵנוּ" מיותר, כי הלא כבר נכלל בתיבת "בִּנְעָרֵינוּ"

ז) לכאורה דעם בִּנְעָרֵינוּ וּבִזְקֵנֵינוּ, וועמען מיינט ער בִּנְעָרֵינוּ די יונגע, דאָס זענען די קינדער, [ואי"כ צ"ב הכפל] קודם זאָגט ער "בִּנְעָרֵינוּ" וּבִזְקֵנֵינוּ, און נאָכדעם זאָגט ער נאָכאַמאָל "בְּבָנֵינוּ וּבִבְנוֹתֵנוּ", 'די' הייסן דאָך בִּנְעָרֵינוּ.

---

[א] בזוהר הקדוש (דף לב:) בתחילת הפרשה, וַיֹּאמֶר ה' אֶל מֹשֶׁה בֹּא אֶל פַּרְעֹה כִּי אֲנִי הִכְבַּדְתִּי אֶת לִבּוֹ וְגוֹ'. רִבִּי אַבָּא פָּתַח וְאָמַר, אַשְׁרֵי הָעָם יֹדְעֵי תְרוּעָה ה' בְּאוֹר פָּנֶיךָ יְהַלֵּכוּן (תהלים פט, טז), כַּמָּה אִצְטְרִיכוּ בְּנֵי נָשָׁא, לְמֵהַךְ בְּאָרְחֵי דְקוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא, וּלְמִטַּר פִּקּוּדֵי אוֹרַיְיתָא, בְּגִין דְיִזְכּוּן בָּהּ לְעָלְמָא דְאָתֵי, וּלְשֵׁזָבָא לוֹן מִכָּל קַטְרוּגִין דִּלְעֵילָּא וְתַתָּא וכו'.

KolSatmar.com

### ד
### קושיא ח

למה הוצרך לומר שני פעמים "נֵלֵךְ" ולא כללם ביחד

ח) און דערנאָך וואָס שטייט עפּעס צוויי מאָל "**נֵלֵךְ**", ער העט זיי געקאָנט כולל זיין אינאיינעם [לומר] "בִּנְעָרֵינוּ וּבִזְקֵנֵינוּ בְּבָנֵינוּ וּבִבְנוֹתֵנוּ נֵלֵךְ", ס'איז די זעלבע זאַך [ששניהם ילכו], פאַרוואָס זאָגט ער קודם בִּנְעָרֵינוּ וּבִזְקֵנֵינוּ "נֵלֵךְ", און נאָכדעם נאָכאַמאָל בְּבָנֵינוּ וּבִבְנוֹתֵנוּ "נֵלֵךְ".

### ה
### קושיא ט

בבעל הטורים: פרעה טָעַן מִי וָמִי הַהֹלְכִים, שראה באיצטגנינות שרק ב' אנשים מהיוצאי מצרים יכנסו לארץ ישראל

מִי וָמִי הַהֹלְכִים, זאָגט דער **בעל הטורים**. - און דער אברבנאל ברענגט עס פון אַ מדרש - מִי וָמִי הַהֹלְכִים, זיי האָבן געזעהן באיצטגנינות אַז ס'וועט נישט גיין קיינער קיין ארץ ישראל נאָר יהושע וכלב, פון די גאַנצע יוצאי מצרים וועט נישט אַרויפגיין נאָר יהושע וכלב, האָט ער געזאָגט 'מִי וָמִי' הַהֹלְכִים, אינגאַנצן נאָר 'צוויי' מענטשן דאָס איז עס, וואָס פאַראַרבעט עטץ אַזויפיל מ'זאָל גיין מיט 'יעדן', אַזוי שטייט אין מדרש.

ומשה רבינו השיב בִּנְעָרֵינוּ וּבִזְקֵנֵינוּ נֵלֵךְ, מאותן שיהיו פחות מעשרים ויותר מששים

דער **בעל הטורים** פירט אויס, ער האָט געענטפערט **בִּנְעָרֵינוּ וּבִזְקֵנֵינוּ**, לא נגזרה גזירה[ב] לא על פחות מבן כ' ולא על יותר מבן ששים, דאָס מיינט ער בִּנְעָרֵינוּ וּבִזְקֵנֵינוּ, פחות מבן כ' נישט.

צ"ב לפי פירוש הבעל הטורים, מהו הכוונה של בְּבָנֵינוּ וּבִבְנוֹתֵנוּ?

ט) נו ווידעראום אַזוי [לפירוש זה], האָט דאָך נישט קיין קישור דער **בְּבָנֵינוּ וּבִבְנוֹתֵנוּ**, וואָס איז דער "בְּבָנֵינוּ וּבִבְנוֹתֵנוּ", די וואָס זענען פחות מבן כ', איז דאָך שוין ממילא בְּבָנֵינוּ וּבִבְנוֹתֵנוּ אודאי די וואָס זענען אונטער בן כ' זענען דאָך שוין נכלל אין דעם "בִּנְעָרֵינוּ", ווייל די גזירה איז נישט געווען אויף די פחות מבן כ', און ווידער די וואָס זענען מער פון בן כ', די בנים ובנות וואָס זענען העכער פון בן כ', זענען זיי דאָך ווידער יאָ געווען אין די גזירה, נו האָט דאָך עס נישט קיין פירוש נאָכאַמאָל דער בְּבָנֵינוּ וּבִבְנוֹתֵנוּ לויט דעם מדרש.

### ו
### קושיא י

במדרש מביא לכאן הפסוק "מִי יַעֲלֶה בְהַר ה'" וצריך ביאור השייכות

דער טאַטע זכרונו לברכה אין **קדושת יום טוב** (בפרשתן ד"ה ויושב) ברענגט אַ **מדרש** [מובא בעיר דוד], מִי וָמִי הַהֹלְכִים, אמר פרעה עתידים אתם לומר "**מִי" יַעֲלֶה בְהַר ה' "וּמִי" יָקוּם בִּמְקוֹם קָדְשׁוֹ** (תהלים כד, ג), **וזהו "מִי וָמִי" הַהֹלְכִים**.

י) דאָס האָט דאָך אויך נישט קיין פשט, וואָס איז דער [שייכות לכאן הפסוק] מִי יַעֲלֶה בְהַר ה' וּמִי יָקוּם בִּמְקוֹם קָדְשׁוֹ.

---

[ב] לאחר חטא המרגלים, שלא ליכנס לארץ ישראל.

KolSatmar.com

ז

קושיא יא

במדרש: כִּי חַג ה׳ לָנוּ זה ״חג הסוכות״, וצ״ב

יא) כִּי חַג ה׳ לָנוּ. אין די דרושים פון סוכות (אות יז) ברענגט דער טאַטע זכרונו לברכה אין **קדושת יום טוב**, ברענגט ער אַ מדרש (הובא בספר פני אריה), **כִּי חַג ה׳ לָנוּ זה חג הסוכות** [וצ״ב שייכות חג הסוכות לכאן].

ח

הקדמה מדברי הקדושת יום טוב בביאור קושיא י - יא

**ביאור השאלה מִי וָמִי הַהֹלְכִים וגו׳ - והתשובה בִּנְעָרֵינוּ וּבִזְקֵנֵינוּ נֵלֵךְ**

נאָר איידער איך וועל צוקומען צום ענין, לאָמיר זען [להקדים מה שפירש הקדושת יום טוב] דעם מדרש, מִי וָמִי הַהֹלְכִים, עתידים אתם אומרים מִי יַעֲלֶה בְהַר ה׳ וּמִי יָקוּם בִּמְקוֹם קָדְשׁוֹ וזהו מִי וָמִי הַהֹלְכִים.

ט

דער טאַטע זכרונו לברכה אין **קדושת יום טוב** (ליל ד׳ דסוכות) **זאָגט**, ברענגט ער וואָס דער **רבי ר׳ מענדל׳ע** [מרימנוב זלה״ה] **האָט געטייטשט**, **מִי יַעֲלֶה בְהַר ה׳ וּמִי יָקוּם בִּמְקוֹם קָדְשׁוֹ**. זאָגט ער [על דרך המשנה (אבות ד, ג)] **אֵין לְךָ אָדָם שֶׁאֵין לוֹ שָׁעָה**, יעדער איד האָט אַמאָל אַ גוטע מינוט וואָס מ׳כאַפּט זיך אַרויף, מ׳האָט אַ הרהור תשובה, מ׳איז מרגיש אַז ס׳איז דאָ אַ **באַשעפער אויף דער וועלט**, מ׳העט זיך געוואָלט מתקרב זיין צום **באַשעפער**. אָבער מ׳בלייבט נישט דערביי, מ׳פאַלט אַראָפּ, ס׳האַלט זיך נישט.

האָט דער רבי ר׳ מענדל׳ע געטייטשט, **מִי יַעֲלֶה בְהַר ה׳**, אָבער דער עיקר איז **וּמִי יָקוּם בִּמְקוֹם קָדְשׁוֹ**, ווער עס בלייבט, די וואָס זיי בלייבן ביי די רעיונות וואָס ער האָט אַמאָל, וואָס פון דעם ווערט עפּעס, [ער] דערהאַלט זיך צו עפּעס, מ׳פאַלט נישט.

י

אין קדושת יום טוב (שם ובפרשתן) **זאָגט ער** [להוסיף בפירוש הפסוק], **״מִי״ יַעֲלֶה בְהַר ה׳ ״וּמִי״ וגו׳**. ״מִי״ זאָגט ער לפי דרכו איז [מדת] ״בינה״, [דאָס] מיינט מען ״תשובה״, די וא״ו [וּמִי] איז מדת ״יסוד״, אַז דאָס איז די ׳תקומה׳ פונעם מענטש, [שעי״ז ׳יָקוּם׳ בִּמְקוֹם קָדְשׁוֹ].

אַזוי ווי אַ בנין, אַז ס׳האָט אַ גוטן יסוד האַלט זיך דאָס גאַנצע בנין, און חלילה אַז ס׳איז מִתְרוֹעֵעַ היסוד, אַז דער יסוד איז שוואַך, איז דאָס גאַנצע בנין אין אַ סכנה, ס׳קאָן נישט טראָגן קיין שווערע לאַסט אויף זיך[ג].

אַזוי אַז מ׳האָט [און] **די יונגע יאָרן די מדת היסוד**, אַז מ׳איז נישט פוגם, אָדער חלילה אפילו גאָר אַז יאָ, נאָר מ׳איז מתקן אַזוי ווי ס׳ברויך צו זיין, אַז ס׳איז דאָ אַ יסוד ווי ס׳קער צו זיין, שטייט דאָס גאַנצע בנין, **כל ימי חייו** קען

---

[ג] **בקדושת יום טוב** (בפרשתן ד״ה ויושב. במקוצר) הלא הוא בידוע שאם לא יתקן קודם שני נעוריו שפגם במדת היסוד, לשוא עמל בו, שהוא בדרך משל כמו שנצרך היסוד לבנין, ואם נסתר היסוד מגרעות ניתן להבית שיפול, כמו כן ממש למי שפגם חס ושלום במדת היסוד, אף אם יעלה במעלות לכמה מדרגות בתיקוני שאר המדות, מכל מקום יתרועע הבנין ולא יהיה לו תקומה מכיון שלא נבנה היסוד תחתיו וכו׳. ולזאת הקב״ה ברוב רחמיו וחסדיו פדות שלח לעמו, והיא התשובה שאין לך דבר שעומד בפני התשובה.

KolSatmar.com

מען זיך דערהאַלטן ביים אידישקייט מיט די אַלע מדות טובות, קען מען זיין דבוק אין באַשעפער און גיין אין רעכטן וועג.

אָבער חלילה אַז ס'דערהאַלט זיך נישט, אַז ס'איז דאָ אַ שוואַכער יסוד, מ'איז נישט מתקן די יונגע יאָרן, איז כל ימי חייו דערהאַלט מען זיך שווער אין אידישקייט.

**יא**

איבערדעם האָט ער [משה] געזאָגט בִּנְעָרֵינוּ וּבִזְקֵנֵינוּ. (אין ייטב פנים[ד] זאָגט ער אויך כעין זה).

[והוא על פי הגמרא (סוכה נא.) חסידים ואנשי מעשה היו מרקדים באבוקות של אור, יש מהן אמרו] **אשרי ילדותינו שלא ביישה את זקנתינו**, און די בעלי תשובה האָבן געזאָגט **אשרי זקנתינו שכפרה על ילדותינו**, האָבן זיי [הבעלי תשובה] 'דאָס' געזאָגט.

**די וואָס זיי האָבן נאָך אין די יונגע יאָרן געהאַט גוטע יאָרן** [ששמרו את האות ברית קודש בילדותן], גוטע טעג און גוטע נעכט, זיי האָבן אָפּגעפּירט אַזוי ווי ס'גיהער צו זיין, מ'האָט נישט פוגם געווען, מ'האָט זיך אינזין געהאַט, **די האָבן אַ גוט לעבן, כל ימי חייהם קאָנען זיי גרינגער צוקומען צו עבדות ה' ברוך הוא** [הם אמרו "אשרי ילדותינו" שלא ביישה את זקנתינו].

**און די וואָס האָבן זיך פאַרדאָרבן דעם יסוד, און מ'האָט עס נישט פאַראַכטן, איז כל ימי חייהם קומט אָן שווער, די ביטערע מסכים המבדילים מיט די אַלע ברואים וואָס זיי ווערן באַשאַפן פון דעם עון.** [ועל כן אם אכן זכו לתקן החטאת נעורים אמרו "אשרי זקנותינו" שכפרה על ילדותינו].

איבערדעם האָט ער [משה רבינו] געזאָגט דאָ, **בִּנְעָרֵינוּ** מיט די יונגע יאָרן, **וּבִזְקֵנֵינוּ**, [בשניהם נֵלֵךְ לעבוד את השם, שאף בימי הזקנה יש כח לתקן שני הנעורים].

ווייל דער אמת, לעולם איז דאָך שווער, ער העט געדאַרפט צו זאָגן "בזקנינו ובנערינו" [להקדים הזקנים לנערים]. נאָר **בִּנְעָרֵינוּ** [הכוונה על "ימי הנעורים", אַזוי ווי] ס'שטייט[ה] וְאַבְרָהָם זָקֵן בָּא בַּיָּמִים, ער איז געקומען מיט די טעג [אלע זיינע טעג].

איבערדעם זאָגט ער קודם "בִּנְעָרֵינוּ", - ער העט געדאַרפט זאָגן "בזקנינו" קודם -, נאָר דאָס איז דער התחלת התיקון וואָס אַ איד ברויך מתקן צו זיין, ברויך מען מתקן צו זיין [תחלה] די ימי הנעורים, וואָס מ'איז מער עלול געווען צו חטאים, דאָס ווערט דאָך אָנגערופן חַטֹּאות "נְעוּרַי" וּפְשָׁעַי אַל תִּזְכֹּר (תהלים כה,

---

[ד] עיין שם במאמר קדישין אות סו, ובמאמר תוכחת מוסר לי"ג מדות אות טז.

[ה] **בזוהר הקדוש** (חיי קכט.) תָּא חֲזֵי, אַבְרָהָם אִתְקְרִיב לְגַבֵּיהּ, וְתִאוּבְתֵּיהּ דִּילֵיהּ הֲוָה כָּל יוֹמוֹי בְּהַאי, וְלָא אִתְקְרִיב אַבְרָהָם בְּיוֹמָא חֲדָא אוֹ בְּזִמְנָא חֲדָא, אֶלָּא עוֹבָדוֹי קְרִיבוּ לֵיהּ בְּכָל יוֹמוֹי מַדְּרְגָא לְדַרְגָּא, עַד דְּאִסְתַּלַּק בְּדַרְגּוֹי. [=בא ראה, אברהם התקרב אליו (להשי"ת), ותשוקתו היתה כל יום בזה. ולא התקרב אברהם ביום אחד או בפעם אחת, אלא מעשיו קרבוהו בכל ימיו מדרגה לדרגה, עד שהתעלה בדרגתו]. כַּד הֲוָה סִיב, וְעָאל בְּדַרְגִּין עִלָּאִין כְּדְקָא חָזֵי דִּכְתִיב וְאַבְרָהָם זָקֵן, וּכְדֵין בָּא בַּיָּמִים בְּאִינוּן יוֹמִין עִלָּאִין. [=כשהיה זקן ונכנס, לדרגות עליונות כראוי דכתיב ואברהם זקן, ואז בא בימים, באותם ימים עליונים]. - **ועיין באוה"ח הק'** (פרשת ויחי עה"פ ויקרבו ימי ישראל) **ועיין בפתיחה חיי שרה תשכ"ו** (לשון קדשו אות כה).

KolSatmar.com

ז), ס'ווערט אָנגערופן חטאות נעורים, איבערדעם האָט ער געזאָגט בִּנְעָרֵינוּ וּבִזְקֵנֵינוּ, די נערים, די ימי הנערות [לתקנם מקודם], ממילא קומען נאָך די ימי הזקנה, איבערדעם איז בִּנְעָרֵינוּ וּבִזְקֵנֵינוּ נֵלֵךְ, מיט דעם [הימי נעורים] אינאיינעם, דאָס איז דער מקור פונעם תיקון.

זאָגט דער טאַטע זכרונו לברכה אין קדושת יום טוב פשט כִּי חַג ה' לָנוּ, (זאָגט ער ביי [דרושי] סוכות), איז חַג ה' לָנוּ (כדלקמן הערה ו).

איבערדעם זאָגט ער (בקדושת יום טוב שם), קודם ער האָט גע'טענה'ט עתידים אתם אומרים מִי יַעֲלֶה בְהַר ה', איבערדעם האָט ער געפרעגט "מִי וָמִי הַהֹלְכִים".

- ער שמועסט נישט פון דעם בעל הטורים [בקושיא ט] פון דעם מדרש אַז דאָס איז יהושע וכלב, נאָר סתם. -

ער [פרעה] האָט געהאַט די שאלה [מִי וָמִי הַהֹלְכִים], וויאַזוי וועט עטץ גיין, ווער וועט גיין, ער האָט געהאַט אַ חשבון וויאַזוי מ'האָט דאָרט אָפּגעפירט אין מצרים 'די יונגע יאָרן', האָט ער געפרעגט מִי וָמִי הַהֹלְכִים, מיט וועמען וועט עטץ גיין, מיט וועמען וועט עטץ צוקומען מ'זאָל דינען דעם באַשעפער באמת, עטץ האָט געזאָגט נלכה נעבדה את ה', אויף דעם האָט ער געזאָגט עתידים אתם אומרים מִי יַעֲלֶה בְהַר ה', עטץ ווילט טאַקע גיין, אָבער וּמִי "יָקוּם" בִּמְקוֹם קָדְשׁוֹ, ווער וועט בלייבן ביי עפּעס [כפירוש הרה"ק מרימנוב], "ומי" זאָגט ער [בקדושת יו"ט] לפי דרכו די וא"ו איז יסוד און "מי" מיינט מען תשובה, מדת בינה.

און משה רבינו האָט דאָס געענטפערט, 'בִּנְעָרֵינוּ' - אַזוי ווי כ'האָב פריער געזאָגט - מיט די יונגע יאָרן.

כִּי חַג ה' לָנוּ[ו], זאָגט ער (אין די דרושים פון סוכות) אַזוי ווי [=כשם] ס'איז דאָך געוועזן [אין יו"ט] סוכות [שאמרו] אשרי ילדותינו, אַזוי ווי דער **קדושת לוי** זאָגט דאָך אַז דאָס [א' דסוכות] איז ראשון לחשבון עונות, וואָרן ראש השנה איז תשובה מיראה זענען די זדונות כשגגות (יומא פו:), איבערדעם [בחג הסוכות כשעושין תשובה מאהבה] איז הערשט דאָ אַ "חשבון" עונות, ווייל פון די עונות ווערט זכיות דורך תשובה מאהבה, איז "חשבון" עונות, [ווייל] די זדונות ווערן זכיות [ונחשבים לטובה].

האָט ער געזאָגט בִּנְעָרֵינוּ וּבִזְקֵנֵינוּ מ'קאָן מיר פאַרעכטן אַלעס [גם ימי הנעורים], וואָרן כִּי חַג ה' לָנוּ, וואָרן ס'איז דאָ סוכות, סוכות טוהט מען מהפך זיין די זדונות [לזכיות].

אַזוי שטייט אין קדושת יום טוב (פרשת בא ודרושי סוכות).

---

[ו] **בקדושת יום טוב** (ליל ד' דסוכות, אות יז) **והנה ידוע דברי הקדושת לוי** (פ' האזינו) **על המדרש** (תנחומא אמור, כב) ראשון לחשבון עוונות, דבראש השנה ויו"כ היא תשובה מיראה, מאימת יום הדין, אבל בחג הסוכות זמן שמחתינו עושין תשובה מאהבה וזדונות נעשו זכיות, ולכן אז היא ראשון לחשבון עוונות, שמחשבין אותן, וכל אחד נוטל וחושב חשבון עונותיו שהם כולם זכיות. אמור מעתה שזה כוונת המדרש בנערינו ובזקינינו נלך, שגם בימי הנעורים נלך, שנעשה תשובה עליהם ויהיו גם הם זכיות. ועל זה אמר כי חג ה' לנו זה חג הסוכות, שאז הוא ימי תשובה מאהבה ואז העת שהחטאים נתעלים ונחשבים גם הם לטובה.

KolSatmar.com

יב

# דברי התעוררות לימי השובבי"ם

**על פי פירוש הקדושת יו"ט בשאלת מִי וָמִי הַהֹלְכִים**

נאָר מ'זאָל פאַרשטיין די שאלה, ס'איז טאַקע די שאלה איז אמת, אין די שאלה ברויך מען שטאַרק מתבונן צו זיין:

"מִי וָמִי הַהֹלְכִים"? מיט וועמען?

מ'גייט דינען דעם באַשעפער, יעדערער ביי זיך מיט די יאָרן וויאַזוי ער זעהט אויס, אין וואָס פאַר אַ בחינה ער זעהט אויס, וויאַזוי ער האָט אָפּגעפירט די יאָרן די טעג מיט די נעכט, [יתבונן בהשאלה] **מיט וואָס וועט ער צו גיין צו עבודות ה'?, מיט וואָס גייט מען צו?, מיט וואָס פאַר אַ בחינה?**

**די זאַך איז אמת פאַר זיך, פאַר זיך איז די זאַך אמת ויציב, די שאלה איז זייער גרויס "מִי וָמִי הַהֹלְכִים"?**

נאָר וויאַזוי פרעה האָט דאָס געפרעגט איז נישט צו פאַרשטיין, זיי האָבן געוואוסט טאַקע מיט די כוחות הטומאה מיט איצטגנינות האָבן זיי משיג געוועזן זייער אַסאַך, אָבער דאָס ער זאָל משיג זיין אין פנימיות הלב [ולשאול] מִי וָמִי הַהֹלְכִים?

אָבער די זאַך פאַר זיך איז אמת.

– אפשר קאָן זיין ס'איז גאָר אַ רמז, פרעה איז דאָך מרמז אויפן יצר הרע אַזוי ווי די ספרים זאָגן.[ז] – אָבער עכ"פ די זאַך פאַר זיך [הוא שאלה אמיתי].

יג

און ווידעראום דעם תירוץ וואָס ער האָט געזאָגט [אויף דעם, אַז] בִּנְעָרֵינוּ וּבִזְקֵנֵינוּ נֵלֵךְ [שנתקן ימי הנעורים], דאַרף מען נאָך פאַרשטיין דעם בְּבָנֵינוּ וּבִבְנוֹתֵנוּ, דעם המשך [לפי פירוש הקדושת יום טוב]. (הביאור להלן אות כ)

יד

**אָבער די זאַך פאַר זיך איז אמת ויציב אַז מ'ברויך האָבן התבוננות.**

**איבערהויפּט היינט זענען דאָך די טעג, די ימי השובבי"ם, דאָס זענען די זמנים פון יציאת מצרים, וואָס ס'איז אויף דעם געשטעלט, אויף תיקון אותה המדה.**

ווי ווייט דער בעל דבר פאַרלייגט זיך אויף דעם אין די זמנים [בדור האחרון], דאַרף מען דאָך נישט צו זאָגן, אַזוי ווי אידן זענען מפוזרים אין דעם כובד הגלות, איבערהויפּט אין די לעצטע יאָרן עיקבא דמשיחא, ווי ווייט מ'דאַרף האָבן סייעתא דשמיא ס'זאָל זיין בִּנְעָרֵינוּ וּבִזְקֵנֵינוּ נֵלֵךְ, וויאַזוי מ'איז זוכה דערנאָך ווען ס'וועט קומען די צייט מ'זאָל מקבל זיין פני משיח צדקינו, יעדער איד ברויך צוקומען לקבלת פני השכינה.

---

[ז] כן הוא **בליקוטי תורה** (להאריז"ל פרשת שמות), ועיין **בזוהר** (ח"א פ:. ח"ב סז:). ועיין בכתבי הרמב"ם, באגרת לבנו וז"ל, ויש לך בני לדעת כי פרעה מלך מצרים הוא יצר הרע באמת, עכ"ל. ובנועם **אלימלך** (פרשת בשלח) וז"ל, דהנה פרע"ה הנקרא יצר הרע, שהוא אותיות העור"ף שמקשה ערפו של אדם.

KolSatmar.com

דער זוהר הקדוש זאָגט (ויחי ריט:) אויף דעם חטא, אַז דאָס איז מונע, מ'קאָן נישט צוקומען צו קבלת פני השכינה.

אָבער אידן האָפן דאָך אין די דורות מ'זאָל געהאָלפן ווערן, ברויך מען גרויס רחמי שמים מ'זאָל דורכרוקן די שווערע נסיונות, די שווערע צייטן, מ'זאָל ניצול ווערן פון די גרויסע כוחות הטומאה, ווי ווייט מ'דאַרף האָבן התגברות, מ'זאָל זיך מתגבר זיין.

מ'זאָלמיר נאָך די זכיה האָבן, מ'זאָל קאָנען מתקן זיין וואָס מ'האָט פוגם געווען, הקב"ה ירחם על עמו ישראל.

טו

# ביאורי הקשיות בפרשת השבוע

### ביאור קושיא ז, ט

וועל מיר צוקומען צו דעם מִי וָמִי הַהֹלְכִים, [להבין המשך תשובת משה], "בְּבָנֵינוּ וּבִבְנוֹתֵנוּ".

לאָמיר זעהן [בביאור הענין] טאַקע לויט דעם מדרש [בקושיא ט, אַז די מצריים] זיי האָבן געפרעגט באיצטגנינות ווער וועט דען גיין? נאָר יהושע וכלב! האָט ער [משה רבינו] געענטפערט [בִּנְעָרֵינוּ וּבִזְקֵנֵינוּ נֵלֵךְ], ווי דער בעל הטורים זאָגט לא נגזרה גזירה על פחות מבן כ' [ויותר מבן ס', אבל על זה יוקשה קושיא ט] וואָס איז דער "בְּבָנֵינוּ וּבִבְנוֹתֵנוּ".

נאָר וואָס'זשע דען, דער אמת האָב מיר דאָך שוין פריער געשמועסט [בחלק החסר], אַז בימי ביאת המשיח וועט זיין אַ בירור, דעמאָלטס וועלן אויפשטיין אַלע פריערדיגע, ווער ווייסט דען ווער אַלץ.

אפילו דאָס ערב רב וואָס משה רבינו האָט מיטגענומען, איז דאָך אויך דאָ פאַרשידענס, ס'איז דאָ אַזעלעכע וואָס זיי וועלן אויסגעלייטערט ווערן במשך הדורות פון די אַלע "גלגולים", ס'קערן זיך איבער [=שחוזרין ומתגלגלין] די אַלע נשמות, די אַלע "גלגולי הנשמות", דאָס דור המדבר אַליין איז דאָ אַזעלעכע וואָס זענען נאָכאַמאָל אַראָפּגעקומען.

די אַלע וואָס זיי קומען אַראָפּ - האָט משה רבינו געזאָגט [לפרעה] -, די וועלן דאָך זיין צווישן אונזערע קינדער.

אין אונזערע קינדער ווייסט מען נישט וואָסערע נשמות ס'איז דאָ דערינען!, וואָסערע נשמות פון די דורות הראשונים ס'האָט זיך אַראָפּגעכאַפּט וואָס ס'ברויך דאָ פאַראָכטן ווערן, וואָס דער תיקון ברויך צו זיין.

**די אַלע יאָרן וואָס מ'וואַרט, ווייסט מען דען וועגן וואָס מ'וואַרט?!**

משה רבינו האָט אים געענטפערט: דו פרעגסט מיך דאָ אַ קשיא מִי וָמִי הַהֹלְכִים?

א) קודם "בִּנְעָרֵינוּ וּבִזְקֵנֵינוּ" [כפירוש בעל הטורים, בפחות מבן כ', ולמעלה מבן ס'].

ב) און דערנאָך זאָגט ער [בְּבָנֵינוּ וּבִבְנוֹתֵנוּ], זאָלסט נישט מיינען אַז די [מעשרים ועד ששים] וואָס זיי בלייבן דאָ [במדבר], איז אַן עק חלילה, די זענען פאַרפאַלן,

KolSatmar.com

זאָלסט וויסן די אַלע דורות "בְּבָנֵינוּ וּבִבְנוֹתֵנוּ", די אַלע קינדער וואָס מ'וועל מיר האָבן, די אַלע דורות וואָס ווערן אויפגעצויגן, דאָ וואַרפט זיך דורך נשמות פון די אַלע.

[והכל יתוקן לעתיד כדכתיב] כִּי לֹא יִדַּח מִמֶּנּוּ נִדָּח (שמואל ב' יד, יד).

[וכתיב (ישעי' כז, יג) וְהָיָה בַּיּוֹם הַהוּא וגו'] וּבָאוּ הָאֹבְדִים בְּאֶרֶץ אַשּׁוּר וְהַנִּדָּחִים בְּאֶרֶץ מִצְרָיִם [וְהִשְׁתַּחֲווּ לַה' בְּהַר הַקֹּדֶשׁ בִּירוּשָׁלָם].

איז דאָס אַ תשובה טאַקע אויף זיין שאלה מִי וָמִי הַהֹלְכִים, ווער זענען די הולכים, ער האָט געפרעגט ס'איז אינגאַנצן [נאָר] יהושע וכלב, האָט ער אים געענטפערט ס'איז נישט אַזוי ווי דו זעהסט עס, [נאָר] בְּבָנֵינוּ וּבִבְנוֹתֵנוּ, די אַלע דורות וועט זיך דורכרוקן [נשמות של יוצאי מצרים ודור המדבר].

## טז
## ביאור קושיא ח

בִּנְעָרֵינוּ וּבִזְקֵנֵינוּ "נֵלֵךְ", בְּבָנֵינוּ וּבִבְנוֹתֵנוּ "נֵלֵךְ", נֵלֵךְ השני קאי לעתיד על גלגולי נשמות

דאָס [בְּבָנֵינוּ וּבִבְנוֹתֵנוּ] איז טאַקע נאָך אַ בעסערער תירוץ [ווי בִּנְעָרֵינוּ וּבִזְקֵנֵינוּ, אַז], אויסערדעם וואָס ס'איז לא נגזרה גזירה אויף בִּנְעָרֵינוּ [פחות מעשרים] וּבִזְקֵנֵינוּ [למעלה מששים], האָט ער דאָ אויפגעטוהן נאָך אַ זאַך, ס'איז נאָכאַמאָל "נֵלֵךְ", זיי וועלן נאָכאַמאָל גיין אויף דעם עולם, דאָס איז אַן עקסטערער "נֵלֵךְ".

היצט אין דעם דור [יוצאי מצרים] איז נאָר בִּנְעָרֵינוּ וּבִזְקֵנֵינוּ, פון פחות מבן כ' און העכער פון בן ששים, אָבער ס'וועט זיין [נאָכאַמאָל "נֵלֵךְ"].

[נֵלֵךְ מרמז על גלגול, על דרך דאיתא בגמרא (שבת לא.) באחד שבא לפני שמאי ואמר גַּיְּרֵנִי] על מנת שתלמדני כל התורה כולה [כשאני עומד] על 'רגל' אחד, זאָגט מען דאָך[ח] אַז [הכוונה] אין איין גלגול, אַזוי טייטשן זיי דאָך, אַז ער זאָל נישט דאַרפן נאָכאַמאָל נתגלגל ווערן.

איבערדעם שטייט נאָכאַמאָל "נֵלֵךְ", זאָלסטו וויסן, אונז אַלע, אַזוי ווי דו קוקסט אָן דעס דור, דו מיינסט אַז די בלייבן שוין דאָ אַזוי חלילה נדחים, זאָלסט וויסן [אַז] די וועלן נאָכאַמאָל קומען אין אונזערע קינדער, "בְּבָנֵינוּ וּבִבְנוֹתֵנוּ", אין אונזערע דורות וועט אַראָפּקומען נשמות, וועט זיין נאָכאַמאָל "נֵלֵךְ".

אמת מ'גיי מיר היצטערט [אַרויס ממצרים], מ'וועט דינען דעם אייבירשטען און שטיין ביים מעמד הנבחר, אָבער מ'האָט דאָך אָבער פוגם געווען, [וזה יגרום] זיי וועלן דאָך פוגם זיין [ביים] חטא העגל און אַנדערע חטאים[ט], און דורכדעם וועט זיין בְּבָנֵינוּ וּבִבְנוֹתֵנוּ, וועלן זיי נאָכאַמאָל אַראָפּקומען אין אונזערע קינדער, און זיי וועלן נאָכאַמאָל גיין אויף דעם עולם זוכן תיקונים, זיי זאָלן פאַררעכטן.

---

[ח] הובא בישמח משה פרשת שמות (דף קכא ע"ג), בשם בית שמואל אחרון.

[ט] עיין בס"ג ויחי תשי"ד (לשון קדשו אות כא) שמבאר רבינו שחטא העגל, וכל החטאים שנמשכו מזה, הכל בא מטעם "אֲשֶׁר הוֹצֵאתָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם" שנתגדלו בטומאת מצרים.

KolSatmar.com

יז

דאָס איז דאָך די סיבות [הגלות], ווי דער אר״י הקדוש זאָגט [עפ״י מאמר רז״ל (ע״ז ה.)] **אין בן דוד בא עד שֶׁיִּכְלוּ כל הנשמות שבגוף** [לפרש מ״ש ז״ל (שם ט.) וּבַעֲוֹנוֹתֵינוּ שֶׁרַבּוּ] **יָצְאוּ מַה שֶּׁיָּצְאוּ**, ס׳גייען די זעלבע נשמות וואָס זיי זענען געגאַנגען.

דער אר״י הקדוש טייטשט (אין פרשת ואתחנן אין ספר הליקוטים), **כִּימֵי צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם ״אַרְאֶנּוּ״ נִפְלָאוֹת** (מיכה ז, טו), זאָגט ער ״אראך״ נִפְלָאוֹת [היה לו לומר בלשון נוכח], ער זאָגט דאָך [בתחילת הפסוק] כִּימֵי ״צֵאתְךָ״ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם, פאַרוואָס זאָגט ער ״אַרְאֶנּוּ״?

זאָגט דער אר״י הקדוש דער פשט איז, **דּוֹר הֹלֵךְ וְדוֹר בָּא** (קהלת א, ד), ס׳וועט זיין דאָס זעלבע דור וואָס זענען געווען דעמאָלטס כִּימֵי צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם, אַזוי ווי דו ביסט געגאַנגען דעמאָלטס פון מצרים, אַזוי וועט זיין דעמאָלטס בימות המשיח וועט זיין ״אַרְאֶנּוּ״, יענעס דור איז טאַקע גאָר דאָס זעלבע דור וועט אַראָפקומען, ס׳וועט נאָכאַמאָל אַראָפקומען.

יח

איבערדעם קאָן מען פאַרשטיין [קושיא ט, לדרך הבעל הטורים], ער האָט דאָ געזאָגט:

[תירוץ א׳] **בִּנְעָרֵינוּ** [וּבִזְקֵנֵינוּ. בפחות מבן כ׳, ולמעלה מבן ס׳].

[תירוץ ב׳] האָט ער געזאָגט [בְּבָנֵינוּ וּבִבְנוֹתֵנוּ]. דאָס איז נאָכאַמאָל אַ תירוץ אויף דעם וואָס ס׳איז די שאלה -, ער האָט געפרעגט מִי וָמִי הַהֹלְכִים, לויט דעם מדרש און דער בעל הטורים וואָס ער האָט געזאָגט מִי וָמִי הַהֹלְכִים [לארץ ישראל, על זה אמר], **בְּבָנֵינוּ וּבִבְנוֹתֵנוּ** [שכולם יתגלגלו ויתקנו בְּבָנֵינוּ וּבִבְנוֹתֵנוּ].

[ומיושב בזה ג״כ קושיא ז, דבְּבָנֵינוּ וּבִבְנוֹתֵנוּ אינו מיותר, רק הוא ׳תירוץ שני׳ שהוא עוד יותר טוב מ׳תירוץ הראשון׳].

יט

ביאור ההמשך ״בבנינו ובבנותינו״ לפי דרך הקדושת יום טוב

ויתיישב בזה גם קושיא ז וח׳ באופן ב

און טאַקע לויט דעם פשט פריער (אות יא) וואָס כ׳האָב געזאָגט פון טאַטן זכרונו לברכה אין קדושת יום טוב [דהתירוץ] ״**בִּנְעָרֵינוּ וּבִזְקֵנֵינוּ**״ [היינו מ׳וועלמיר פאַררעכטן די יונגע יאָרן אין די עלטערע יאָרן, [יתפרש גם כן ההמשך ״בְּבָנֵינוּ וּבִבְנוֹתֵנוּ״].

כ

[דלפי דרכו של הקדושת יו״ט] האָט משה רבינו ווייטער געזאָגט [בְּבָנֵינוּ, דמקודם אמר בִּנְעָרֵינוּ וּבִזְקֵנֵינוּ, אַז] אידן וועלן זיך פלאָגן מ׳זאָל פאַררעכטן [פגם הברית, ואח״כ אמר] טאָמער אַז מ׳קען נישט אינגאַנצן פאַררעכטן, מ׳איז אַריינגעכאַפּט, [כמו שהוא בעוה״ר] מ׳כאַפּט אַריין קינדער איידער זיי קומען לכלל דעת [און] מ׳ווערט נכשל אין דעם חטא און מ׳האָט זיך נישט אין די האַנט, [ועי״ז] אפילו מ׳פאַררעכט, מ׳פלאָגט זיך, אָבער ס׳איז ׳דאָך׳ נישט קיין תיקון בשלימות.

**האָט משה רבינו געזאָגט** [בְּבָנֵינוּ וּבִבְנוֹתֵנוּ], **טאָמער וועל מיר נישט קענען אינגאַנצן פאַררעכטן, וועל מיר זיך פאָרזעהן ביי אונזערע קינדער, "בְּבָנֵינוּ וּבִבְנוֹתֵנוּ" נֵלֵךְ, דאָרט וועל מיר שוין בעסער אומגיין.**

**מ'וועל מיר האָבן מסירת נפש מ'זאָל די קינדער מגדל זיין אויף אַזאַ בחינה, אַז מ'זאָל נישט קומען לידי חטא, אויף אַזאַ אופן** [אַז] **זיי זאָלן בלייבן ביי דער קדושה, מ'זאָל מעמיד זיין דורות פון אידן.**

**איבערדעם האָט משה רבינו געזאָגט** [עקסטער נאָכאַמאָל בְּבָנֵינוּ וּבִבְנוֹתֵנוּ נֵלֵךְ, ומיושב גם קושיא ז' וח' באופן ב].

**כא**

**אופן ג: בביאור תשובת בִּנְעָרֵינוּ וגו' בְּבָנֵינוּ וּבִבְנוֹתֵנוּ נֵלֵךְ**

**אין דעם איז נאָך מרומז נאָך עפּעס.**

**דער אמת, ווי כ'האָב שוין פריער געזאָגט** (באות יב), **אַז מ'הייבט זיך אָן צו באַרעכענען מִי וָמִי הַהֹלְכִים? מיט וואָסערע כוחות און מיט וואָסערע זכותים קאָן מען גיין? וויאַזוי זעהט מען אויס? מיט וואָסערע זכותים וועל מיר זוכה זיין מקבל זיין פני משיח צדקינו?**

[אויף דעם איז דער תירוץ,] **דאָס ווייסט מען דאָך:**

**דער גרעסטער כח איז תינוקות של בית רבן! הבל פיהם שאין בהם חטא**[י]**.**

**אַז מ'איז מגדל בנים ובנות על דרך הקדושה, דאָס האָט אַ גרויסן כח בְּגָבְהֵי מְרוֹמִים!**

**אַזוי ווי בלעם האָט געזאָגט,** [לכו וחזרו על בתי מדרשות], **אַז ס'איז דאָ תינוקות של בית רבן אין אתם יכולים להם"**[יא]**.**

**ער האָט דאָ געפרעגט מִי וָמִי הַהֹלְכִים, מיט וואָסערע זכותים, מיט וואָסערע כוחות גייט עטץ דאָ?**

**דער תירוץ איז:**

א) **קודם בִּנְעָרֵינוּ וּבִזְקֵנֵינוּ, מ'וועלמיר זיך פּלאָגן מ'זאָל פאַררעכטן די יונגע יאָרן, מ'וועט זיך פּלאָגן אין די ימי הזקנה** [כביאור הקדושת יום טוב].

ב) **און חלילה וחלילה אַז מ'וועט דאָס אויך נישט קענען, וועל מיר גיין מיטן כח** [פון] **"בְּבָנֵינוּ וּבִבְנוֹתֵנוּ", מיט'ן כח פון אונזערע קינדער, מיט'ן כח פון תינוקות של בית רבן!**

**האָט ער געזאָגט בְּבָנֵינוּ וּבִבְנוֹתֵנוּ נֵלֵךְ, מיט דעם כח וועל מיר גיין, אַז מ'זאָל חלילה** [הבנים] **נישט מקלקל זיין.**

---

[י] **בשבת** (קיט:) אמר ריש לקיש משום רבי יהודה נשיאה, אין העולם מתקיים אלא בשביל הבל תינוקות של בית רבן. א"ל רב פפא לאביי דידי ודידך מאי? א"ל אינו דומה הבל שיש בו חטא, להבל שאין בו חטא.

[יא] **במדרש** (בר"ר סה, כ) אמר רבי אבא בר כהנא, לא עמדו פילוסופין בעולם כבלעם בן בעור וכאבנימוס הגרדי, נתכנסו כל עובדי כוכבים אצלו, אמרו לו תאמר שאנו יכולים ליזדווג לאומה זו, אמר לכו וחזרו על בתי כנסיות ועל בתי מדרשות שלהן, ואם מצאתם שם תינוקות מצפצפין בקולן אין אתם יכולים להזדווג להם, שכך הבטיחן אביהן ואמר להם הַקֹּל קוֹל יַעֲקֹב, בזמן שקולו של יעקב מצוי בבתי כנסיות אין הַיָּדַיִם יְדֵי עֵשָׂו.

KolSatmar.com

אפשר גאָר וועט דאָס זיין אַ תקנה פאַר די עלטערן אויכעט, אפשר מיט'ן כח און זכות פון אונזערע קינדער וועל מיר אונז אויך נאָך אַמאָל תשובה טוהן.

איבערדעם האָט ער דאָס געזאָגט, האָט אים משה רבינו געזאָגט דעם תירוץ "בִּבְנֵינוּ וּבִבְנוֹתֵנוּ נֵלֵךְ".

### כב
#### הקדמה לאופן ב בביאור קושיא י, לדרכינו

קען זיין, דער מדרש זאָגט, איך האָב מיך פריער געשטעלט אויף דעם מדרש, עתידים אתם אומרים מִי יַעֲלֶה בְהַר ה' וּמִי יָקוּם בִּמְקוֹם קָדְשׁוֹ.

[ולפרש זה נקדים וואָס] ס'שטייט אין **מדרש תהלים** (מדרש שוחר טוב [מזמור טו], און דאָס זעלבע שטייט אין ילקוט שמעוני (רמז תרסד)), [על הפסוק (תהלים טו, א-ב) מִזְמוֹר לְדָוִד, ה'] מִי יָגוּר בְּאָהֳלֶךָ מִי יִשְׁכֹּן בְּהַר קָדְשֶׁךָ, [הוֹלֵךְ תָּמִים וּפֹעֵל צֶדֶק וְדֹבֵר אֱמֶת בִּלְבָבוֹ].

שטייט דאָרט אין מדרש **אַ פחד פון דיבורים**, אַ פחד פון דיבורים.

הייבט ער אָן.

איך ברענג עס, איך בין מעתיק דאָס לשון פון מדרש אין מאמר ישוב ארץ ישראל (בויואל משה, סימן קכא).

שטייט אין מדרש (אות א):

מִי יָגוּר בְּאָהֳלֶךָ, כתיב (ישעי' לא, ט) [נְאֻם ה'] **אֲשֶׁר אוּר לוֹ בְּצִיּוֹן וְתַנּוּר לוֹ בִּירוּשָׁלָםִ** [אמר דוד, אם אוּר לוֹ בְּצִיּוֹן וְתַנּוּר לוֹ בִּירוּשָׁלָםִ, ה' מִי יָגוּר בְּאָהֳלֶךָ].

[עוד במדרש (אות ב):]

[דבר אחר מִי יָגוּר בְּאָהֳלֶךָ. זהו שאמר הכתוב (זכרי' ב, ט) וַאֲנִי אֶהְיֶה לָּהּ נְאֻם ה'] **חוֹמַת אֵשׁ סָבִיב וּלְכָבוֹד אֶהְיֶה בְתוֹכָהּ**. [אמר דוד] ס'איז דאָ **אַ חומה של אש** [מבחוץ], **ובתוכה כבוד**, [מי יכול לשרות בתוכה, הוי אומר] **מִי יָגוּר** [בְּאָהֳלֶךָ].

[עוד במדרש (אות ג):]

[דבר אחר מִי יָגוּר בְּאָהֳלֶךָ]. **מִי יָדוּר** [אין כתיב כאן אלא מִי יָגוּר, מאן יכיל לאיתותבא גבך], ווער טרויעט זיך דאָרט צו געפונען, אַז ס'ברענט אַ פייער, **אוּר לוֹ בְּצִיּוֹן וְתַנּוּר לוֹ בִּירוּשָׁלָםִ**, אַזוי זאָגט דער מדרש.

זאָגט ער אַ משל, אַן עירוני, אַ דאָרפסמאַן איז געקומען אין שטאָט, האָט ער געזעהן כִּתִיתִין טובים, גוטע בגדים, גוטע מאכלים, האָט ער געפרעגט מִי יוּכַל לִשְׂבּוֹעַ [מֵאֵלּוּ], ווער קאָן זיך אָנזעטיגן מיט דעם? האָט מען אים געענטפערט מִי שֶׁיֵּשׁ לוֹ הַרְבֵּה מָעוֹת, ווער ס'האָט אַסאַך געלט.

אַזוי איז דאָס אויכעט, [כך אמר דוד ה' מִי יָגוּר בְּאָהֳלֶךָ], ווער קאָן זיך דאָרט געפונען? [אמר לו הקב"ה] **מי שיש לו כל אלו המדות, הוֹלֵךְ תָּמִים וּפֹעֵל צֶדֶק וְדֹבֵר אֱמֶת בִּלְבָבוֹ**.

אַזוי זאָגט דער מדרש אין מדרש תהלים. [שיש בירושלים] אַ חומת אש, ס'איז פחד פחדים, און מ'מוז זיך אָנזאַפּן מיט די אַלע מידות מ'זאָל זיך קענען דאָרט דערהאַלטן.

KolSatmar.com

**כג**

ס'איז דאָ צוויי נוסחאות [במדרש מזמור טו, מִי יָגוּר או מִי יָדוּר]:

הייבט ער אָן קודם זאָגט ער מִי יָדוּר בְּאָהֳלֶךָ. דבר אחר מִי יָגוּר בְּאָהֳלֶךָ, מִי יָדוּר לא כתיב אלא מִי יָגוּר.

זאָגט דער מְפַרֵשׁ, וואָס טוט ער אויף [דלא כתיב מִי יָדוּר]?

[ומפרש] יָדוּר איז טייטש בקביעות, נאָר מִי יָגוּר אפילו בדרך גֵר, באופן גירות, איז אויך די זעלבע שאלה.

**כד**

נאָך איז דאָ אַ מדרש אין אַנדערן קאַפּיטל [במזמור כה][יב], מִי יַעֲלֶה בְהַר ה׳ וּמִי יָקוּם בִּמְקוֹם קָדְשׁוֹ, זאָגט דער מדרש כעין זה, **דוד המלך שאל מִי יַעֲלֶה בְהַר ה׳ וּמִי יָקוּם בִּמְקוֹם קָדְשׁוֹ, אמר לו הקב"ה אינך יודע?** דו ווייסט נישט? **מי שהוא נְקִי כַפַּיִם וּבַר לֵבָב!** אַזוי זאָגט דער מדרש, **והיה שָׂמֵחַ** [דוד], האָט ער זיך געפרייט, [ואמר] **יש בי המדות הללו.**

לכאורה ער איז דאָך ביי זיך געווען אייביג צובראָכן?

**כה**

נאָר ס'קען זיין, וואָס דוד המלך איז דאָ געווען שָׂמֵחַ, דוד המלך איז דאָך געווען מובטח פון הקב"ה.

[ששאל] מִי אָנֹכִי וּמִי בֵיתִי כִּי הֲבִיאֹתַנִי עַד הֲלֹם וגו׳ [וַתְּדַבֵּר גַּם] אֶל בֵּית עַבְדְּךָ לְמֵרָחוֹק (שמו"ב ז, יח) [ופרש"י ושאר מפרשים, שדיבר לתת המלוכה לביתו לעולם].

דער בורא כל עולמים האָט דאָך מבטיח געווען דוד המלך, לֹא בָחַרְתִּי בְעִיר וָאֶבְחַר בְּדָוִיד [לִהְיוֹת עַל עַמִּי יִשְׂרָאֵל], [וָאֶבְחַר] בִּירוּשָׁלַםִ [לִהְיוֹת שְׁמִי שָׁם], דער פסוק זאָגט אַזוי (במלכים א׳ ח, טז. ובדברי הימים ב׳ ו, ה-ו). - אַ הבטחה פון הקב"ה עד סוף כל הדורות.

אפילו ס'איז געווען אינדערמיט [מלכים גם משבטים אחרים] אָבער ס'וועט אַלץ צוריק קומען צו דוד'ן. [כדאיתא בנבואה על ימות המשיח] וְעַבְדִּי דָוִד מֶלֶךְ עֲלֵיהֶם וגו׳ [וְדָוִד עַבְדִּי נָשִׂיא לָהֶם לְעוֹלָם] (יחזקאל לז, כד-כה).

דער **רמב"ם** רעכנט עס גאָר פון די י"ג עיקרים [להאמין במלכות בית דוד]. - דאָ (בי"ג עקרים המקוצר הנדפס בסידורים) איז ער עס נאָר מעתיק בקיצור, אָבער אין פירוש המשניות (סנהדרין ריש פרק י) זאָגט ער מער באריכות. - זאָגט ער [שהחיוב להאמין] אין ביאת המשיח [און] אַז ס'וועט זיין פון דוד המלך, און פון שלמה'ן גאָר, אַזוי רעכנט ער גאָר [אויס][יג].

---

[יב] **במדרש תהלים** (שוחר טוב מזמור כה) אֵלֶיךָ ה׳ נַפְשִׁי אֶשָּׂא. אמר שלמה (משלי כה, כה) מַיִם קָרִים עַל נֶפֶשׁ עֲיֵפָה, דוד היה מעייף בתורה, והיתה נפשו שוקקת להיות בבית המדרש וכו׳, וכתיב מִי יַעֲלֶה בְהַר ה׳, אמר לו הקדוש ברוך הוא אין אתה יודע כי נְקִי כַפַּיִם וּבַר לֵבָב?, מי שיש בידו שתי מדות הללו, מיד שמח דוד ואמר יש בי.

[יג] וזל"ק: היסוד שנים עשר, ימות המשיח. והוא לְהַאֲמִין וּלְאַמֵּת שֶׁיָּבֹא וגו׳, ומכלל יסוד זה שאין מלך לישראל אלא מבית דוד ומזרע שלמה בלבד, וכל החולק על המשפחה הזאת כָּפַר בְּשֵׁם השם יתברך ובדברי נביאיו.

KolSatmar.com

על כל פנים דאָס שטייט דאָך אין פסוק, אַז ער האָט געהאַט אַ הבטחה אויף די מלוכה, - עַל יְדֵי דָוִד מְשִׁיחַ צִדְקֶךָ -, אַז די מלוכה קער צו אים עד סוף כל הדורות און ביי ביאת המשיח.

און אַז ער האָט געהערט פון הקב"ה אַז נאָר דער קען זוכה זיין, וּמִי יָקוּם בִּמְקוֹם קָדְשׁוֹ, ווער ס'האָט די מדות נְקִי כַפַּיִם וּבַר לֵבָב, איז דאָך אַ הכרח, האָט ער דאָך געהאַט אַ הבטחה פון הקב"ה אַז ס'וועט בלייבן בגזעו וועט זיין אַזעלכע אייביג וואָס זיי וועלן האָבן די מדות, האָט ער זיך מיט דעם גערייט, ער איז געוועזן שמח, מִי יַעֲלֶה בְהַר ה' וּמִי יָקוּם בִּמְקוֹם קָדְשׁוֹ.

### כו
### אופן הב' ביאור קושיא י

על כל פנים היוצא לנו מזה, איז דאָך דאָ אַ שאלה מִי יַעֲלֶה בְהַר ה', [וואָס דאָס] גייט אויך אַרויף אויף ארץ ישראל[יד], [כמו שאלת מִי יָגוּר בְּאָהֳלֶךָ מִי יִשְׁכֹּן בְּהַר קָדְשֶׁךָ], ס'מוז זיין די מדות [שבמזמור טו ומזמור כה].

דאָס האָט ער געפרעגט, פרעה, מיט דעם קאָן מען פאַרשטיין [המדרש דלעיל קושיא י].

דער מדרש [שבקושיא ט] זאָגט, אַז די שאלה [פון פרעה] איז געוועזן [אַז] קיינער וועט נישט גיין נאָר כָּלֵב מיט יהושע'ן.

האָט ער [פרעה] אָבער נאָך צוגעגעבן דערויף נאָך אַ ראיה [טענה כפולה, דאפילו אם תאמרו] אפשר וועט בטל ווערן די גזירה 'אַז ס'וועט נישט יעדערער גיין', [רק כולם יוכנסו לארץ], און אפשר האָט ער גאָר געשמועסט עד סוף כל הדורות, ער האָט געוויסט אַז ס'קען זיין [כהפשט] "בִּבָנֵינוּ וּבִבְנוֹתֵנוּ" [דמרמז על דורות העתידים כנ"ל], די גרויסע איצטגנונים זיי האָבן דאָך אַלעס געזען, [אפילו] די שפּעטערע דורות.

האָט ער אָבער געפרעגט אַ גרויסע שאלה, [עתידים אתם אומרים] מִי יַעֲלֶה בְהַר ה' וּמִי יָקוּם בִּמְקוֹם קָדְשׁוֹ, [והתשובה מי שיש בו כל המדות האלו, נו] וועט עטץ האָבן אַזעלכע דורות? עטץ וועט אויפציען דורות?, דוד המלך'ס שאלה, אַז ס'מוז נְקִי כַפַּיִם וּבַר לֵבָב, און ווער איז דאָס אַזאַ **בַר לֵבָב**?, אַזוי ווי ער זאָגט דאָ [במזמור טו] אַז מִי יָגוּר בְּאָהֳלֶךָ, אַ חומת אש סביב.

האָט ער געפרעגט "מי ומי" ההולכים, ווער וועט דען גיין, [הלא רואה אני באיצטגנינות אַז נאָר] צוויי.

אויסערדעם [שאל יותר, הרי] עתידים אתם אומרים [מִי יַעֲלֶה וגו'].

דער מדרש [שבקושיא י] זאָגט ווידער אַז ער האָט 'דאָס' געפרעגט, נישט נאָר בלויז [שֶׁיּוֹדֵעַ] פונעם 'איצטגנינות' [כהמדרש בקושיא ט, נאָר] ער האָט געפרעגט פונעם 'פסוק', - עטץ זאָגט דאָך מִי יַעֲלֶה בְהַר ה' וּמִי יָקוּם בִּמְקוֹם קָדְשׁוֹ, ווער קאָן דאָס זוכה זיין אַז מ'זאָל אַהין גיין, ווער קאָן צו דעם צוקומען?.

---

[יד] שנקרא הר ה', כדאיתא בשירת הים תְּבִאֵמוֹ וְתִטָּעֵמוֹ בְּהַר נַחֲלָתְךָ, ועי' דברי יואל לראש השנה (אות יג).

KolSatmar.com

פון דעם דרש האָט ער שוין נישט געוואוסט אַז שנים מצילים על כל המשפחה[טו].

על כל פנים האָט ער געזאָגט ווער קאָן צו דעם צוקומען?, ביי וואָס ווער עטץ בלייבן, איז דאָס די זעלבע קשיא וואָס ס׳שטייט מִי וָמִי הַהֹלְכִים ווי דער מדרש [בקושיא ט] זאָגט [שהכוונה] ווער ס׳וועט גיין [לארץ ישראל], דאָס [במדרש בקושיא י] איז די זעלבע שאלה ווידער, מִי יַעֲלֶה בְהַר ה׳ וּמִי יָקוּם בִּמְקוֹם קָדְשׁוֹ.

## כז
## ביאור הפסוק לֵיל שִׁמֻּרִים הוּא לַה׳ (בפרשתן)

קען זיין [לפרש] וואָס מ׳זאָג מיר:

**לֵיל שִׁמֻּרִים הוּא לַה׳ לְהוֹצִיאָם מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם** - ס׳איז אַ ליל שמורים.

**הוּא הַלַּיְלָה הַזֶּה לַה׳** - דאָס איז די לילה פאַרן באַשעפער.

**שִׁמֻּרִים לְכָל בְּנֵי יִשְׂרָאֵל לְדֹרֹתָם.**

פירש״י: לֵיל שִׁמֻּרִים מלשון שומר ומצפה. שִׁמֻּרִים לְכָל בְּנֵי יִשְׂרָאֵל, משומר ובא מן המזיקים

**לֵיל שִׁמֻּרִים.** זאָגט רש״י: הקב״ה האָט שׁוֹמֵר וּמְצַפֶּה געווען אויף דער נאַכט, ווען אידן זענען אויסגעלייזט געוואָרן פון מצרים.

**שִׁמֻּרִים לְכָל בְּנֵי יִשְׂרָאֵל.** [פירש״י], משומר ובא מן המזיקים.

## כח
צ״ב לפירש״י למה משנה הפירוש בסוף הפסוק אצל שִׁמֻּרִים לְכָל בְּנֵי יִשְׂרָאֵל?

לכאורה פאַרוואָס זאָגט ער נישט ווייטער [אצל] שִׁמֻּרִים לְכָל בְּנֵי יִשְׂרָאֵל לְדֹרֹתָם [ששומרין ומצפין להגאל בכל הדורות], מ׳האָפט דאָך?

דער וואָס ער לערנט בניסן נגאלו ובניסן עתידין להגאל (ראש השנה יא.), איז דאָך עס ווייטער שִׁמֻּרִים לְכָל בְּנֵי יִשְׂרָאֵל לְדֹרֹתָם, ווייל מ׳האָפט דאָך אויף דער נאַכט.

דער מדרש זאָגט גאָר (שמו״ר יח, יא) אַז דעמאָלטס וועט זיין טאָג גאָר, דעמאָלטס לעתיד, ס׳וועט נישט [זיין] קיין נאַכט.

## כט
הקדמה לביאור פסוק לֵיל שִׁמֻּרִים

נאָר דאָס ענין:

[יש לומר בהקדם], מ׳זאָג מיר [בעשרת ימי תשובה], **נַפְשִׁי לַה׳** - ס׳שטייט דוד המלך האָט געזאָגט (תהלים קל, ו) - [נַפְשִׁי לַה׳] **מִשֹּׁמְרִים לַבֹּקֶר שֹׁמְרִים לַבֹּקֶר.**

זאָגט רש״י נַפְשִׁי לַה׳ מִשֹּׁמְרִים לַבֹּקֶר, מ׳האָף מיר צו די גאולה, און נאָכאַמאָל שֹׁמְרִים לַבֹּקֶר, [מְצַפִּין וְחוֹזְרִין וּמְצַפִּין] קֵץ אַחַר קֵץ, האָפט מען אַלץ.

---

[טו] בסנהדרין (קיא.) על הפסוק (ירמי׳ ג, יד) וְלָקַחְתִּי אֶתְכֶם אֶחָד מֵעִיר וּשְׁנַיִם מִמִּשְׁפָּחָה, אמר ריש לקיש, דברים כבתבן. אמר ליה רבי יוחנן, לא ניחא ליה למרייהו דאמרת להו הכי, אלא, אחד מעיר מזכה כל העיר כולה, ושנים ממשפחה מזכין כל המשפחה כולה.

בחלק הדרוש שבס״ג זו (החסר במקוצר), מבאר רבינו פסוק זו באריכות גדול.

KolSatmar.com

דאָרט [בפירוש התהלים] אין **תפלה למשה** זאָגט ער, וואָס איז טאָפּלט דאָס לשון, כפל לשון שמירה צריך עיון, ווען ער זאָגט איינמאָל שֹׁמְרִים לַבֹּקֶר ווייסט מען אַז ער האָפּט כסדר, וואָס עס טוט זיך האָפּט ער אַלץ, [ולמה אמר] נאָכאַמאָל שֹׁמְרִים לַבֹּקֶר?.

**ל**

דער נביא האָט געזאָגט (ישעי׳ סב, ו-ז):

**עַל חוֹמֹתַיִךְ יְרוּשָׁלַם** אויף דיינע מויערן ירושלים, **הִפְקַדְתִּי שֹׁמְרִים** האָב איך געשטעלט שומרים, זיי זאָלן אָפּהיטן די חומות ירושלים.

[כָּל הַיּוֹם וְכָל הַלַּיְלָה תָּמִיד לֹא יֶחֱשׁוּ], **הַמַּזְכִּרִים אֶת ה׳** [אַל דֳּמִי לָכֶם], **וְאַל** [תִּתְּנוּ] **דֳמִי לוֹ**, עטץ זאָלט נישט שווייגן, **עַד יְכוֹנֵן וְעַד יָשִׂים אֶת יְרוּשָׁלַם תְּהִלָּה בָּאָרֶץ.**

**לא**

וואָס דער פשט איז, פשטים שונים איז דאָ, רש״י [ושאר מפרשים].

דער **אלשיך הקדוש** זאָגט. - ווי דער **ערבי נחל** איז מאריך דערין אין פרשת נצבים (דרוש אלול תקס״ו), ער איז מעתיק דעם אלשיך און זאָגט דערמיט ענינים, - דער אלשיך הקדוש זאָגט אַזוי, דאָס בית המקדש של מעלה ווערט דאָך געבויעט אַ בית המקדש של אש און ס׳וועט אַראָפּקומען בנוי ומשוכלל לעתיד לבוא, אַזוי ווי חכמינו ז״ל זאָגן און **רש״י** מיט **תוספות** ברענגען (סוכה מא.), ס׳וועט אַראָפּקומען דעם בית המקדש של מעלה, - גאַנץ ירושלים וועט אַראָפּקומען, אַזוי שטייט דאָך אין **זוהר הקדוש** (פנחס רכא.), ס׳וועט אַראָפּקומען בנוי מלמעלה.

זאָגט ער פון וואָס בויעט זיך עס? - ס׳איז שוין ידוע דאָס, - פון די מצות און מעשים טובים פון צדיקים!

צדיקים טוען מצות און מעשים טובים, בויעט זיך אויף דאָס בית המקדש של מעלה, ירושלים של מעלה, מיט קלענערע מצות וואָס מ׳טוהט בויעט מען אויף אַ שטיינדל פון בית המקדש, גרויסע צדיקים מיט גרויסע מצות ומעשים טובים בויען זיי אויף גאַנצע ווענט.

נו ס׳איז דאָך געווען אַזויפיל צדיקים און אַזויפיל דורות - פרעגט ער אַ קשיא, - פאַרוואָס איז נאָכנישט אויפגעבויעט דאָס בית המקדש ס׳זאָל אַראָפּקומען?

זאָגט ער אָבער, לעומת זה וואָס אַ צדיק בויעט אויף, איז אָבער דאָ הונדערט [רשעים] וואָס זענען מהרס, מיט זייערע מעשים רעים חלילה צעוואַרפט מען, איבערדעם איז דאָס פאַרקערט.

טייטשט דער אלשיך הקדוש, אַז מיט דעם וואָס מ׳איז גודר גדר ועומד בפרץ קעגן די מהרסי הדת, מ׳איז מקיים הֲלוֹא מְשַׂנְאֶיךָ ה׳ אֶשְׂנָא וּבִתְקוֹמְמֶיךָ אֶתְקוֹטָט (תהלים קלט, כא), אַז מ׳שטייט קעגן זיי, [מיט דעם] איז מען מציל דעם הירוס, אַז מ׳זאָל נישט צעוואַרפן די חומת ירושלים וואָס ס׳ווערט אויפגעבויעט למעלה.

KolSatmar.com

טייטשט דער אלשיך הקדוש, עַל חוֹמֹתַיִךְ יְרוּשָׁלַיִם, ס׳ווערט אויפגעבויעט ירושלים דלמעלה, הִפְקַדְתִּי שֹׁמְרִים, האָב איך געשטעלט שומרים, אידן וואָס זאָלן אַכטונג געבן אויפ׳ן אידישקייט און זאָלן מוחה זיין פאַר די מהרסים.

זאָגט אָן דער פסוק הַמַּזְכִּרִים אֶת ה׳, פאַר די שומרים, ״אַל דֳּמִי לוֹ״, איר זאָלט נישט שווייגן!

איר זאָלט נישט צולאָזן די מהרסים!

מ׳זאָל האָבן מסירת נפש מוחה צו זיין!

מיט דעם וועט עטץ מציל זיין חומות ירושלים.

אַזוי זאָגט דער אלשיך הקדוש, טייטשט ער אַזוי דעם פסוק.

## לב

האיך יכולים האפיקורסים להחריב את ביהמ״ק הלא כבר נחרב?

איך האָב דאָך שוין דאָס געשריבן (בהקדמה לס׳ ויוא״מ עמוד ט׳) וואָס די גמרא זאָגט (ר״ה יז.) אפיקורסים ומינים נדונין לדורי דורות מפני שפשטו ידיהם בזבול [ופירש רש״י שהחריבו בית המקדש], פרעג איך, דאָס [שפשטו ידיהם והחריבו ביהמ״ק] איז דאָך נאָך געווען פאַרן חורבן, און דאָס [שנדונין לדורי דורות] איז אַ הלכה אין די גמרא און אין רמב״ם (הל׳ תשובה ג, ו), [אַז] ס׳איז שוין נישטאָ קיין בית המקדש וויאַזוי זענען זיי פשטו ידיהם בזבול?

נאָר מיט דעם אלשיך הקדוש וואָס ס׳שטייט - איך ברענג אפילו נישט דאָרט דעם אלשיך, איך זאָג סתם, און כ׳האָב דערנאָך געזען אַז דאָס זאָגט דער אלשיך הקדוש, - אַז די זענען די מהרסים, די גרעסטע מהרסים זענען מינים ואפיקורסים, די ציוואַרפן דעם בנין בית המקדש - [כמו שאמרו ש]פשטו ידיהם בזבול, - און דעם בנין ירושלים.

## לג

בעונותינו הרבים, ס׳טרעפן זיך נאָך אידן, וואָס זענען נאָך גאָר פון די שומרי תורה און מ׳גייט מיט מיט די מהרסים?!

דער פסוק שרייט געוואַלד ״אַל דֳּמִי לוֹ״!

בעונינו הרבים ווי קאָן מען דאָס צוקוקן, די האָט מען גאָר אַ נאָמען געגעבן ״חובבי ארץ״?, די ״מחריבי ארץ״!

הֵן הֵנָּה הָיוּ בְּעוֹכְרֵינוּ, מ׳העט מיר שוין לאַנג געהאַלטן נאָך דער גאולה ווען נישט די רשעים!

ה׳ ישמרינו! די אַלע וואָס זיי האַלטן מיט זיי, וואָס זיי נעמען אַ טייל מיט זיי, זענען בעונינו הרבים עובדי עבודה זרה, ה׳ ישמרינו מהם ומהמונם, מ׳מעג זאָגן וואָס מ׳וויל, דער אמת איז אמת.

## לד

האָט דוד המלך געזאָגט, נַפְשִׁי לַה׳ מִשֹּׁמְרִים לַבֹּקֶר, אַזוי ווי רש״י זאָגט שֹׁמְרִים לַבֹּקֶר, איך בין צווישן די וואָס האָפן אויף דער גאולה.

KolSatmar.com

נאָר אַז דו זאָגסט מיר דו האָפסט אויף דער גאולה מוז מען זעהן צי דו טוהסט עפּעס דערצו.

### לה
שומרים יש לו ב׳ פירושים, לשון מצפה, ולשון שמירה

שומרים האָט אַסאַך טייטשן:

שומרים איז טייטש **וואַרטן**, [מלשון וְאָבִיו] שָׁמַר אֶת הַדָּבָר, מַמְתִּין וּמְצַפֶּה.

און נאָך איז עס טייטש, שומרים איז טייטש **היטן**, אַזוי ווי ער זאָגט שֹׁמְרֵי הַחֹמוֹת, עַל חוֹמֹתַיִךְ יְרוּשָׁלַם הִפְקַדְתִּי שֹׁמְרִים ווי דער אלשיך זאָגט, מ׳זאָל היטן.

וואָס איז טייטש היטן?, זאָגט דאָך דער אלשיך מ׳זאָל מוחה זיין אויף די וואָס זענען מהרסים דעם בנין ירושלים דלמעלה.

איבערדעם זאָגט ער צוויי מאָל, מ׳זאָל נישט מיינען דו וועסט יוצא זיין דו ווערסט מיר זאָגן דו האָפסט אויף דער גאולה, [רק] דו טוהסט אַלדינגס [גם לשמור נגד המהרסים].

כ׳האָב שוין דאָס כמה פעמים געזאָגט, וואָס ס׳שטייט אין מדרש ילקוט אין די וואָכעדיגע סדרה[טז], אַז דער גאַנצער זכות [הגאולה מגלות רביעי] איז ״נטרונא״, לא תיכליניה כד מהבהבה, מ׳זאָל נישט עסן פון דעם וואָס ס׳קומט פאַר דער צייט, [דפירושו] מ׳זאָל נישט נהנה זיין, נישט קיין טייל נעמען. אין דעם זכות וועט קומען די גאולה, אַזוי שטייט בפירוש אַרויס אין דברי חכמינו ז״ל.

נו ממילא די אַלע האַלטן אויף די גאולה, דורך די לייד מיר אונז דאָס גלות בעונותינו הרבים.

**ווי קען מען זיך באַרואיגן?! אַז ס׳איז דאָ אַזעלעכע מהרסי הדור, מ׳ציוואַרפט דאָס בית המקדש של מעלה, בידים מזיקים.**

האָט דוד המלך געזאָגט, נפשי לה, ״משומרים״ לבוקר, איך **וואַרט** אויף דער גאולה, איך בין אָבער פון די וואָס זענען טאַקע ״שומרים לבוקר״, מ׳היט אָפּ די גאולה, מ׳איז מוחה פאַר די מהרסים, די כופרים ל״ע וואָס זיי ציוואַרפן, און די אַלע וואָס זיי נעמען טייל מיט זיי.

איבערדעם ברויך מען האָבן צוויי מאָל שֹׁמְרִים לַבֹּקֶר.

### לו
הקב״ה שומר ״וממתין״, אבל על ׳בני ישראל׳ החיוב ״שמירה״ למחות בהמזיקים

איבערדעם זאָגט דער פסוק, לֵיל שִׁמֻּרִים הוּא [לה׳], הקב״ה איז שומר וממתין.

אָבער ס׳איז ״שִׁמֻּרִים״ לְכָל ׳בְּנֵי יִשְׂרָאֵל׳ לְדֹרֹתָם, זאָגט רש״י ״מן המזיקים״ די וואָס שאָטן צו דעם, די וואָס זענען מזיק צו דער גאולה וואָס אידן וואַרטן, בידים מזיקים, דאָס ברויכן ׳אַלע אידן׳ אָפּהיטן, איבערדעם איז עס שִׁמֻּרִים לְכָל בְּנֵי יִשְׂרָאֵל ״לְדֹרֹתָם״.

---

[טז] ילקוט שמעוני רמז קצא. מי פורע לכם ממלכות רביעית, נטרונא, והיה לכם למשמרת. אל תאכלו ממנו נא לא תבעוניה מהבהבה.

KolSatmar.com

לז

קאָן זיין ס'איז 'נאָך' מרומז אין דעם **עַל חוֹמֹתַיִךְ יְרוּשָׁלַם הִפְקַדְתִּי שֹׁמְרִים.**

[על פי] דאָס וואָס כ'האָב דאָ געברענגט (באות כב) דעם מדרש תהלים, **עַל חוֹמֹתַיִךְ**, ס'איז אַ חומת אש, אַ פייערדיגע חומה איז אַרום **ירושלים**, אַזוי ווי דער מדרש זאָגט, ומי יגור, ווער פאַרכט זיך נישט פאַר דעם פייער.

[לזה אמר הִפְקַדְתִּי שֹׁמְרִים] אויף דעם איז דאָ "שומרים", ס'איז געווען דאָרטן בכל הדורות האָט מען געהאַט גרויס השגחה אויף אידישקייט דאָרטן.

היינט איז דער היפוך, ס'איז נישטאָ דאָרט קיין שומרים, נאָר מ'גייט מיט מיט די מהרסים, מ'גייט מיט זיי האַנט ביי האַנט, מ'גיט זיי כח און שטיצע בכל אופן ואופן.

לח

אַ פלא, דער **אלשיך** זאָגט דאָ זייער אַ שאַרף וואָרט, זאָגט ער, מיט וואָס בויעט מען אויף דאָס בית המקדש ירושלים של מעלה, מיט די מצות ומעשים טובים, ווי כ'האָב שוין פריער נאָכגעזאָגט. **איינער בויעט אַ קלענער שטיינדל און איינער בויעט אַ וואַנט, זאָגט ער, ווער ס'בויעט גאָרנישט דער וועט עס נישט זוכה זיין צו זען, אַ שאַרף וואָרט, לא יזכה לראותו.**

בעוונינו הרבים על אחת כמה וכמה, ווער ס'נעמט נאָך **טייל אין די מהרסים** פונעם בנין, דאָס דאַרף מען שוין נישט צו זאָגן.

**דאַרף יעדער איד האָבן ביי זיך אַ חשבון הנפש:**

**האָט מען עפּעס געטוהן צו דעם?!**

**האָט מען עפּעס צוגעהאָלפן צו דעם בנין שלמעלה?!**

לט

ער ברענגט דאָך דער **זרע קודש** פרשת כי תצא (עה"כ כי תבנה בית חדש), ער האָט געהערט פון **רבי ר' אלימלך** [מליזענסק זצוק"ל], ער האָט אַמאָל געזעהן ווי מ'האָט געטראָגן כלים פונעם בית המקדש, האָט ער געזעהן ווען ער האָט געהאַט עליית נשמה, האָט ער פאַרשטאַנען אַז ס'איז די כלים וואָס ער האָט געמאַכט מיט זיין עבודה, - ס'האָט טאַקע געמוזט זיין חשוב'ע כלים וואָס דער הייליגער רבי ר' אלימלך האָט געמאַכט מיט זיין עבודה, - ברענגט ער דאָרטן, דאָס האָט מען אים געוויזן, האָט ער געזען, דעמאָלטס ווען ער האָט געהאַט עליית נשמה.

נאָר אָבער ביי אנשים פשוטים וואָס זיי ווייסן גאָרנישט, הערן נישט און זעען נישט.

נאָר אַז מ'דינט דעם באַשעפער באמת ובתמים, און מ'איז מוחה אין די מהרסים, אַל דֳּמִי לוֹ ווי דער פסוק זאָגט, און מ'דינט דעם באַשעפער, מ'איז עוסק בתורה ומצות מיט מסירת נפש, פאַר זיך און פאַר די קינדער, בִּנְעָרֵינוּ בְּבָנֵינוּ וּבִבְנוֹתֵנוּ, מיט דעם בויעט מען דאָס בית המקדש ירושלים של מעלה, מיט דעם איז מען אַ "חובב ציון וירושלים", מ'בויעט עס אויף, און מ'וועט זוכה זיין במהרה לראותו.

KolSatmar.com

מ

לאָמיר זעהן, לכאורה אַלץ איז אַ קשיא, דער אלשיך הקדוש זאָגט, צדיקים האָבן געבויעט דעם בית המקדש.

צופעליג האָב איך עפּעס געהערט אַמאָל אַ **מעשה שהיה**, איך האָב עס נאָכגעזאָגט שוין אַסאַך מאָל די מעשה, און דאָס זעלבע שטייט אין אלשיך.

כ'האָב געהערט אַמאָל אַ מעשה שהיה, דער **דברי חיים** האָט אַמאָל געזאָגט, דער הייליגער דברי חיים, אַז ס'פעלט שוין נישט גאָרנישט נאָר דאָס פרוכת, האָט זיך אָנגערופן דאָרט איינער, ר' **יהושע'לע טאָמאַשוב'ער** (זלה"ה), "אונז זעמיר מאמין באמונה שלימה אַז דער רבי קען מאַכן דאָס פרוכת", האָט ער אים נישט געענטפערט גאָרנישט.

ווען ס'איז געקומען צו אַן אַנדערן טיש האָט ער זיך אַליין אָנגערופן, "**ווער זאָגט דען, פון וואו ווייסט ער אַז איך האָב נישט געמאַכט דאָס פרוכת, איך האָב עס געמאַכט, נאָר ס'איז געקומען אַ גרויסער רשע מיט אַ ביטערער עבירה און ער האָט עס צוריסן**".

דאָס איז די זעלבע דיבורים וואָס ס'שטייט נאָך אין אלשיך הקדוש, נאָר דער אלשיך הקדוש זאָגט ס'איז דאָ "הונדערט מהרסים" [נגד צדיק הבונה], בעוונינו הרבים, דאָס זאָגט ער דעמאָלטס, היינט איבערהויפּט האָט עס נישט הונדערט מהרסים נאָר בעוונינו הרבים 'אין די רבבות' מהרסים, און ווער ווייסט צי ס'איז דאָ עפּעס אַ בונה, צי ס'איז דאָ עפּעס אַ בונה.

לכאורה וויאַזוי איז על חומותיך ירושלים הפקדתי שומרים, ווער ווייסט צי ס'איז דאָ עפּעס אַ בונה, ווער ס'בויעט עפּעס דעם בית המקדש. און בעוונינו הרבים מהרסים איז דאָ אָן אַ שיעור, בלי שיעור וערך, ה' ירחם.

מא

קשה: האיך אפשר שעבודת הצדיקים הולך לריק ח"ו על ידי מעשה הרשעים

לכאורה איז דאָך אַ קשיא, נו מילא די רשעים האָבן עס צעוואַרפן, קומט דאָך אויס וואָס צדיקים האָבן געטוהן דאָס גייט עפּעס חלילה לריק?, איז עפּעס חלילה גייט דען לריק די עבודה פון צדיקים אמיתיים וואָס דינען דעם באַשעפער, וואָס צדיקים מיט קדושים בויען אויף, חלילה וחלילה גייט גאָר לריק ולהירוס?, ווי קען דאָס זיין?

שטיין שטייט דאָך לעולם אויף אַלע תפלות, זיי שמועסן דאָך דערפון די מקובלים (שערי אורה בסוף שער ב' ובשער י'), אַז די אַלע תפלות פון צדיקים וואָס זיי האָבן מתפלל געווען, ס'איז דאָך אַ כלל אַז מ'איז מתפלל בכוונה איז אינה חוזרת ריקם, און אַזויפיל תפלות ותחנונים פון אַזויפיל דורות, אַזויפיל טרערן וויפיל צדיקים האָבן שוין פאַרגאָסן אויף ישועת ישראל, אויף דער גאולה און אויף אַלע צרות, איז דאָס חלילה געגאַנגען לריק?

זאָגט מען ניין, די תפלות שטייען!

[נאָר] ווייל ס'איז [נאָכ]נישט געווען די צייט איבערדעם זענען זיי נתעכב געוואָרן, איבערהויפּט פונעם קטרוג און דורך די עונות פון מעמד ומצב הדור.

KolSatmar.com

[אָבער] ווען ס'וועט קומען די צייט, וועלן די אַלע **תפלות** אַפיר-קומען און זיי וועלן לייכטן! און ס'וועט נתרבה ווערן אורן וישועתן של ישראל דורך די אַלע תפלות, ס'וועט נישט גיין לריק ניטאַמאָל איין תפלה.

**מב**

האיך נתבלבל השטן ע"י התקיעות בר"ה, שהוא התקיעה בשופר גדול?

דאָס קען זיין איך האָב שוין געשמועסט די נאַכט (בסעודת ליל שב"ק) פון די תקיעות (בראש השנה), ס'איז מערבב השטן (ר"ה טז: ובתוס' שם בשם הירושלמי) זימנא חדא בהיל ולא בהיל, און דאָס צווייטע מאָל ווערט ער שוין עפּעס מער בהיל.

האָב איך געפרעגט אַ האַרבע קשיא, ער נער'ט אויס די גאַנצע וועלט און ער ווייסט אַלעס אפילו וואָס מ'האָט אינזין (ברכות סא.), און פלוצים דעמאָלטס נער'ט ער זיך עפּעס אַזוי שטאַרק און ער ווייסט גאָרנישט, [ווען] אַ בעל תוקע בלאָזט קלערט ער שוין ס'איז יִתָּקַע בְּשׁוֹפָר גָּדוֹל?.

**מג**

כל התקיעות ובפרט של צדיקים עומדים למעלה עד בא הזמן

קאָן זיין דער פשט איז אַנדערשט, לעולם דער שופר איז אַזוי, איבערהויפּט צדיקים אמיתיים ווען זיי בלאָזן שופר איז טאַקע אַזוי [שבכחם לבלבל השטן], נאָר אַז ס'איז נאָכנישט די צייט געשעהט עס נישט, און דאָס שטייט [למעלה בגבהי מרומים].

דער זיידע זכרונו לברכה דער **ייטב לב** ווען ער האָט מספיד געווען דעם **דברי חיים**, האָט ער געזאָגט [לפרש הכתוב] **לְלַמֵּד בְּנֵי יְהוּדָה קָשֶׁת** (שמואל ב' א, יח), ווען דער דברי חיים איז געווען אויף דעם עולם האָמיר געקאָנט גיין צו תקיעת שופר, מ'האָט געוואוסט אַז דער דברי חיים בלאָזט שופר קאָן מען מיטגיין, אַז ער איז נישטאָ אויף דעם עולם, לְלַמֵּד בְּנֵי יְהוּדָה קָשֶׁ"ת, מוז מען זיך לערנען, קש"ת, איז די ראשי תיבות ת'קיעה ש'ברים ת'רועה.

איבערדעם [התפילות והעבודות] פון אַלע צדיקים, דאָס אַלעס שטייט, [ויפעול פעולתו] ווען ס'וועט זיין דער זמן.

**מד**

ס'שטייט דער מדרש זאָגט (ב"ר פ"ג ג') וַיֹּאמֶר אֱלֹקִים יְהִי אוֹר, [זה שאמר הכתוב (משלי טו, כג)] שִׂמְחָה לָאִישׁ, זה הקב"ה, בְּמַעֲנֵה פִיו, שאמר יהי אור, וְדָבָר בְּעִתּוֹ מַה טּוֹב, וירא אלקים את האור כי טוב.

וואָס הייסט וְדָבָר בְּעִתּוֹ מַה טּוֹב? האָב איך געזאָגט דער פשט איז אַזוי, דער בורא כל עולמים האָט געזאָגט יְהִי אוֹר, דאָס איז דאָך געווען דער ערשטער אור, דער אור איז דאָך נגנז געוואָרן, [איז דאָך אַ קשיא] וּלְשִׂמְחָה מַה זֹּה עֹשָׂה (קהלת ב, ב), וואָס איז עפּעס אַזאַ גוטע זאַך אַז מ'מוז אים באַהאַלטן, מ'קען אים נישט נוצן.

אָבער ווען ס'וועט אָבער זיין בְּעִתָּהּ אֲחִישֶׁנָּה, לעתיד, שמורים הוא לה' להוציאם, ווי דער מדרש זאָגט (שמו"ר יח, יא) אַז ס'וועט דעמאָלטס נישט זיין קיין

KolSatmar.com

נאַכט, ס'וועט אַפיר קומען דער אור הגנוז, שטייט גאָר אַזוי, ס'ווערט געברענגט גאָר אין די מדרשים אַזוי (ב"ר פ"ג ו' ועוד), און אין תרגום, אַז דעמאָלטס וועט לייכטן דער אור הגנוז נאָך ביאת המשיח.

[וז"ש המדרש] שִׂמְחָה לָאִישׁ בְּמַעֲנֵה פִיו וַיֹּאמֶר אֱלֹקִים [יְהִי אוֹר], ער האָט געהאַט שמחה, איי וואָס איז די שמחה, אָבער דָבָר בְּעִתּוֹ מַה טּוֹב, דער בורא כל עולמים איז דאָך עָבַר און הֹוֶה ועָתִיד ברגע אחד, דעם שטייט שוין פאַר די אויגן וואָס ס'וועט זיך טוהן "בעתו", דעמאָלטס איז מַה טּוֹב, דעמאָלטס וועט מען אַרויסזעהן דעם אור הגנוז.

מה

ווען דער אייבירשטער וועט העלפן ס'וועט זיין דער זמן פון דער גאולה, וועלן אַפיר-קומען די אַלע אמת'דיגע תקיעות וואָס זיי האָבן נישט גענוצט אין די אַלע יאָרן, און דעמאָלטס וועט ער טאַקע בהיל זיין, ער וועט טאַקע זען, און ס'וועט טאַקע אמת זיין, און דעמאָלטס וועט דאָס געשען, דאָס וואָס ער וועט אַזוי בהיל זיין דאָס וועט דעמאָלטס געשען.

ביז דערווייל האָט עס אודאי אויך אַ סגולה ער זאָל נישט קענען מקטרג זיין און ס'זאָל מציל זיין פון גזירות רעות.

אָבער דאָס אמת'דיגע, דער אויסדרוק וואָס דער ירושלמי זאָגט אַז ער [השטן] זאָגט דאָס איז דער יִתָּקַע בְּשׁוֹפָר גָּדוֹל ומטי [זמניה למתבלע], דאָס וועט ער זאָגן דעמאָלטס, איי וואָס ער זאָגט אויף די אַלע פריערדיגע תקיעות, דעמאָלטס וועט אָנהייבן צו שיינען און צו לייכטן די פריערדיגע תקיעות.

מו

היוצא לנו מזה, די אַלע תקיעה ותרועה'ס וואָס אידן האָבן געבלאָזן אין אַלע יאָרן, דאָס וואָס ס'איז געווען מיט אמת און מיט צידקות און מיט עבודה און מיט קדושה, דאָס שטייט בגבהי מרומים. השם יתברך ווייסט, אָבער אונז ווייס מיר נישט.

ווען ס'וועט זיין די גאולה שלימה וועלמיר אונז וויסן וואָס די תרועה האָט געברענגט, דעמאָלטס וועט מען וויסן דערפון, וועט מען זען דעם גרויסן אור, און דאָס צובראָכנקייט פון די אַלע דורות פון צדיקים, וואָס מ'האָט געדינט דעם אייבירשטען און מ'האָט געהאָפט מ'האָט געוואַרט אויף אַ ישועה, מ'האָט אַרויסגעקוקט אויף אַ שטיקל התקרבות פון הקב"ה אין דעם ביטערן הסתרת פנים.

איבערדעם זאָגט דער פסוק (תהלים פט, טז) אַשְׁרֵי הָעָם, וואויל וועט זיין דאָס פאָלק און דעם דור, "יוֹדְעֵי תְרוּעָה" מ'וועט 'וויסן' וואָס די "תְּרוּעָה" איז, דאָס צובראָכנקייט מיט די אַלע תקיעות, ה' בְּאוֹר פָּנֶיךָ יְהַלֵּכוּן, ביי הקב"ה [ער זעט אַלעס אינאיינעם [גם היום, עבר והוה ועתיד ברגע אחד].

### מז
### ביאור קושיא ו

דאָס ברענגט צו דער זוהר הקדוש, לְמַעַן שִׁתִי אֹתֹתַי אֵלֶּה בְּקִרְבּוֹ וּלְמַעַן תְּסַפֵּר בְּאָזְנֵי בִנְךָ וּבֶן בִּנְךָ, אַז דאָס איז מקושר די יוצאי מצרים מיט די דורות העתידים, איבערדעם זאָגט דער פסוק וּלְמַעַן תְּסַפֵּר בְּאָזְנֵי בִנְךָ וּבֶן בִּנְךָ, ווען מען זען, הקב"ה איז היה הוה ויהיה, הקב"ה האָט מקשר געווען אַלע דורות, דער שם הוי"ה ווייזט דאָך היה הוה ויהיה ברגע אחד, וּלְמַעַן תְּסַפֵּר בְּאָזְנֵי בִנְךָ וּבֶן בִּנְךָ דאָס גייט אַרויף עד סוף כל הדורות.

### מח
### ביאור קושיא ה

וועט זיין "וידעתם", וועט 'עטץ' וויסן, כי אני "ה'", שם הוי"ה ברוך הוא וברוך שמו יתברך.

ווי דער אר"י הקדוש זאָגט כימי צאתך ממצרים "אראנו" נפלאות, טאַקע יענעם דור וועל איך ווייזן נפלאות, איבערדעם גייט ער צוריק [אל יוצאי מצרים עצמן בלשון נוכח "וידעתם"], כימי צאתך ממצרים אַזוי ווי דער אריה"ק זאָגט, [והמשך הכתוב, אז] ס'וועט זיין למען תספר באזני בנך ובן בנך, [דעמאלטס] וועט זיין צוריק וידעתם.

מיט דעם פאַרשטייט מען דעם [שייכות הפסוק] 'יודעי' תרועה, וואָס ער זאָגט מ'זאָל וויסן. דאָס וואָס ס'איז געווען דעמאָלטס, טאַקע אויף די תקיעות וואָס משה רבינו האָט דעמאָלטס געבלאָזן, דאָס וועט אויך אַפיר-קומען ווען ס'וועט זיין ביאת המשיח, דער תכלית בריאת העולם, דער גמר ישועתן של ישראל, און דער גמר ווען ס'וועט זיין דער רעכטער כבוד שמים, וּלְכָבוֹד אֶהְיֶה בְתוֹכָהּ (זכרי' ב, ט).

### מט

וְרָאוּ כָּל עַמֵּי הָאָרֶץ כִּי שֵׁם ה' נִקְרָא עָלֶיךָ וְיָרְאוּ מִמֶּךָּ (פ' תבא), זאָגט די גמרא (ברכות ו.) אלו תפילין שבראש.

[ולכאורה] מ'שרעקט זיך פאַר די תפילין שבראש?

בעוונינו הרבים האָמיר שוין געזען [בשנות הזעם] אַז מ'האָט גענומען אידן מיט די תפילין צוזאַמען, מיט די תפילין שבראש, - [וכן מצינו אצל] די עשרה הרוגי מלכות [רָשָׁע הִפְשִׁיט עֵת הִגִּיעַ] לִמְקוֹם תְּפִלִּין (קינות לת"ב, פיוט ארזי הלבנון), - מיט די תפילין צוזאַמען וואָס מ'האָט געטוהן, און זיי האָבן זיך גאָרנישט געשראָקן, מ'זעהט גאָרנישט זיי זאָלן זיך שרעקן פון תפילין שבראש.

נאָר וואָס'זשע דען.

אין תפילין דמארי עלמא שטייט, וּמִי כְּעַמְּךָ יִשְׂרָאֵל גּוֹי אֶחָד (דה"י א' יז, מובא בברכות שם), אין די תפילין דמארי עלמא שטייט אַז ס'איז נישטאָ אַזאַ פאָלק ווי אידן, אָבער קיינער ווייסט נישט פון דעם, די אומות העולם לאַכן פון דעם. [אָבער] שפּעטער ווען די אומות העולם וועלן דאָס זען [לעתיד], וועלן זיי געוואָר ווערן, וועט מען געוואָר ווערן וועלעכס זענען די תפילין דמארי עלמא.

KolSatmar.com

דער ״ראש״ הייסט דער בורא כל עולמים, ער איז דער ראש כל הראשים, דער ראש וראשון פון אַלדינגס.

איבערדעם זאָגט ער וְרָאוּ כָּל עַמֵּי הָאָרֶץ כִּי שֵׁם ה׳ נִקְרָא עָלֶיךָ, וואָס וועלן זיי זעהן, זיי וועלן זעהן ״תפילין שבראש״, זיי וועלן זעהן די תפילין דמארי עלמא, די תפילין שבראש, מ׳וועט זען דעם מי כעמך ישראל גוי אחד.

השם יתברך זאָל העלפן:

מ׳זאָל מיר עס דערלעבן, מ׳זאָל מיר דאָס זעהן.

מ׳זאָל מיר חס ושלום נישט נדחה ווערן.

נ

דער תמצית הדברים:

היצט אין די ימי השובבי״ם מ׳דאַרף מתקן זיין וואָס מ׳האָט פוגם געווען ווען דאָס גלות איז שטאַרק.

מ׳זאָל אויפבויען דעם בית המקדש מיט ירושלים.

מיט וואָס בויעט מען? מיט מצות ומעשים טובים.

ס׳זאָל זיין **בִּנְעָרֵינוּ וּבִזְקֵנֵינוּ** ווי כ׳האָב געזאָגט [לתקן ימי הנעורים].

און אַזויפיל אַז כאָטש **בְּבָנֵינוּ וּבִבְנוֹתֵנוּ**, אונזערע קינדער [יהיו נשמרים מכל חטא], השם יתברך יברכם מ׳זאָל מעמיד זיין דורות אידן **שֶׁלֹּא נֵבוֹשׁ וְלֹא נִכָּלֵם**.

השם יתברך זאָל אונז אָפּהיטן מכל מכשול.

**מ׳זאָל די זכיה האָבן, מ׳זאָל האָבן חן ביים בורא כל עולמים.**

**עפּעס אַנדערשט ברויך מיר נישט, ביי קיינעם ברויך מיר נישט קיין חן נאָר ביים באַשעפער.**

**אַז דער באַשעפער העלפט איז אַלעס גוט, בְּאוֹר פְּנֵי מֶלֶךְ חַיִּים** (משלי טז, טו).

השם יתברך זאָל העלפן:

ס׳זאָל זיין לְמַעַן שִׁתִי אֹתֹתַי אֵלֶּה בְּקִרְבּוֹ

[ס׳זאָל זיין] וִידַעְתֶּם כִּי אֲנִי ה׳.

ס׳זאָל זיין שִׁמֻּרִים לְכָל בְּנֵי יִשְׂרָאֵל לְדֹרֹתָם.

**״לְכָל בְּנֵי יִשְׂרָאֵל״, אַלע אידן וואָס גלייבן אין באַשעפער, און טוהן זיך ווייאון זיי האָבן צער פאַרוואָס מ׳דינט נישט דעם באַשעפער באמת, די אַלע אידן וואָס זענען זיך מצער דערויף זאָל דער בורא כל עולמים העלפן יאמר לַאֲסוּרִים צֵאוּ** (ישעי׳ מט, ט).

**מ׳זאָל די זכיה האָבן מ׳זאָל האָבן חן ושכל טוב.**

**דער בורא כל עולמים זאָל העלפן מ׳זאָל מיר זיין פון די וואָס מ׳בויעט ירושלים און דעם בית המקדש.**

מ׳זאָל מיר זוכה זיין צו זעהן במהרה שמחת ציון וירושלים.

מ׳זאָל מתקן זיין וואָס מ׳האָט פוגם געווען, לְלַקֵּט אֵת אֲשֶׁר פִּזַּרְנוּ.

KolSatmar.com

היצט אין די סדרות פון גאולה און פון מתן תורה זאָל מיר נאָך זוכה זיין צו זעהן אַ ישועה, און אַ גאולה שלימה, אַן אוֹר גָדוֹל לַיְּהוּדִים.

**השם יתברך זאָל אונז דערלייכטן די אויגן.**

**ער זאָל אַריינשיינען אין אידישע הערצער יראה און אהבה און דביקות, בשמחה ובנחת.**

השם יתברך זאָל זיין [שיאמר עלינו] יִשְׂרָאֵל אֲשֶׁר בְּךָ אֶתְפָּאָר (ישעי' מט, ג).

מ'זאָל מיר דינען דעם באַשעפער באמת ובשמחה ובנחת.

מ'זאָל מיר זוכה זיין צו זען די ישועה שלימה, בהתגלות כבוד שמים עלינו במהרה בימינו אמן.

KolSatmar.com